# זישא לאנדוי

## זאמלבוך = ארויסגעגעבן פון חברים - צוזאמענגעשטעלט פון דוד קאזאנסקי.



פארלאג אינזל ניויארק
1938

א סך, א סך, זיינען מיר דעמאָלט געווען פּאָעטן אָנפאַנגער. נאָר פּאָעטן פון ריינעם קינסטלערישן ליד זיינען געוואָרן ווינציקער וויפיל עס זיינען דאָ פינגער אויף איין האנט.

און צו די ווינציקע האָסטו, זישא, געזאָגט:

— שרייבן לידער איז קונסט. געדיכטע האָבן געקענט שרייבן אלע, אפילו ניט בארופענע. שרייבן לידער קאָן נאָר א פּאָעט א קינסטלער, וואס ווייס די נאַטור פון וואָרט, פון גערעדטן און געזונגענעם וואָרט.

און אזוי איז דאָ ביי אונז פארבליבן.

דאָס געזונגענע און גערעדטע וואָרט איז טאקע ניט געווען אין אונזער פּאָעזיע פון געדיכטע. האָבן מיר, אָנפאַנגער, ניט געהאט פון וואָס צו לערנען.

האָסטו אונז געזאָגט:

— מיר דארפן לערנען פון דער גויאישער פּאָעזיע. פון דעם אידישן פאָלקס ליד און פון אונזערע פאָלקס זינגער. אין דעם פשוט׳סטן פאָלקס ליד איז דאָ מער פּאָעזיע ווי אין דעם גאנצן אינטעלעגענטן פּאָעט אונזערן, וואס גראמט אָן געשמאַק און אָן לעבן „ווי אזוי עס ווערן לידער געמאַכט". פון דער גויאישער פּאָעזיע דארפן מיר לערנען די חכמה פון קונסט און דאָס פאָלקס ליד זאָל זיין א קוואַל פאר אונז, די נאַטור אונזערע.

און אזוי איז דאָס ביי אונז פארבליבן.

און ניט רימען איינענע און זיך אליין — אונזער פּאָעזיע האָט



אין יענע טעג אויף אייביק פארענדיקט מיט דער פּאָעזיע פון „געדיכטע" און איז געוואָרן א פּאָעזיע פון קינסטלערישן ליד. אין דעם האָט אונז געהאָלפן, ווי זישא לאנדוי האָט אונז געזאָגט: די גויאישע פּאָעזיע און דאָס אידישע פאָלקס ליד.

---

פון ״לאנדוי, לאנדוי, לאנדוי״
מאני - לייב